**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט עיקר קאנסטרוקציע פארטיג אויף נייע סטעיט רוט N28 בריק אין לאָנג לעיק, העמילטאן קאונטי

***קארן פארן העכער נייע בריק ווייניגער פון פיר חודשים נאך חורבנות-אנזייענדע רעגנס און פארפלייצונגען האבן שווער געשעדיגט פאריגע סטרוקטור***

***נייע בריק פארשטערקערט זיכערהייט און באפעסטיגונג לענגאויס וויכטיגע שאסיי פאר דעם עדיראַנדעק ראיאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די עיקר קאנסטרוקציע איז פארענדיגט געווארן דורך די סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט אויף א נייע בריק וואס פירט אריבער סטעיט רוט N28 העכער די פישינג ברוק אין די טאון אָוו לאָנג לעיק, העמילטאן קאונטי; אינגאנצן צוריקברענגענדיג טראפיק לענגאויס א וויכטיגע עדיראַנדעק ראיאן שאסיי ווייניגער פון פיר חודשים נאכדעם וואס חורבנות-אנזייענדע רעגנס און פארפלייצונגען האבן פאראורזאכט קאטאסטראפישע שאדן צו די אריגינעלע סטרוקטור. סטעיט רוט N28 איז געווען איינס פון די פילע שאסייען אריבער ניו יארק וועלכע האבן געליטן פון באדייטנדע שאדנס פון די שווערע וועטער וואס האט באטראפן די סטעיט אין יולי.

"די היסטארישע רעגן שטורעמעס וואס האבן שווער באטראפן חלקים פון די סטעיט אין יולי האבן פאראורזאכט אומגעהויערע שאדן צו טייל פון אונזערע וויכטיגסטע שאסייען און בריקן, אבער אזוי ווי מיר האבן געזעהן איינמאל און נאכאמאל איז נישטא קיינער וואס איז בעסער מיטן רעאגירן צו שווערע אומשטענדן פון ניו יארקער"**, האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארענדיגונג פון די נייע בריק אין לאָנג לעיק איז א מוסטער פון וויאזוי מיר פירן דורך אונזער סלאגאן 'בוי עס צוריק בעסער', און איך אפלאדיר אלע סטעיט ארבייטער און קאנטראקטארס וועלכע האבן געארבעט מידלאז דאס צו פארטיג מאכן אזוי שנעל און היטן אויף די וויכטיגע רייזע רוט אריבער די נארט קאנטרי."

פון יולי 10 ביז יולי 11 האבן חלקים פון די נארט קאנטרי געזעהן עטליכע אינטשעס רעגן אין א קורצע צייט אפשניט, פאראורזאכנדיג חורבנות-אנזייענדע פארפלייצונגען, אפשפארנדיג שאסייען און שעדיגנדיג אינפראסטרוקטור. כאטש די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט ( New York State Department of Transportation, NYSDOT) – ארבעטנדיג צוזאמען מיט קאונטי און לאקאלע רעגירונג מאנשאפטן און קאנטראקטארס – האבן מצליח געווען צו צוריק עפענען רוב שאסייען ביז 24 שעה פון דעם שטורעם, דאך איז די בריק ביי פישינג ברוק געשעדיגט געווארן אויף א פארנעם וואס האט נישט ערמעגליכט פאררעכטנונג. א צייטווייליגע בריק איז אוועקגעשטעלט געווארן ביז דריי וואכן, אוועקנעמנדיג די נויט פאר אן אומוועג פון 80 מייל, אזוי ווי די NYSDOT האט זיך גענומען צום ארבעט אונטעריאגנדיג די דעזיין און קאנסטרוקציע פון א פערמאנענטע ערזאץ.

די NYSDOT האט אונטערגעיאגט די דעזיין און קאנסטרוקציע פון די נייע בריק וואס איז 30 פיס לענגער פון די פריערדיגע לענג צווישן די זיילן, און עס האט א ברייטערע עפענונג פון אונטן צו ערלויבן די וואסער צו גרינגער אריבערפליסן און אזוי זיין מער באפעסטיגט קעגן פארפלייצונגען. ברייטערע שאָלדערס וועלן אויך פארמערן די זיכערהייט פאר דרייווערס, פיסגייער און ביציקליסטן לענגאויס די וויכטיגע שאסיי וואס באדינט פילע פון דעם ראיאן'ס טוריסטישע און פארוויילונג דעסטינאציעס.

כדי צו פארשנעלערן די קאנסטרוקציע האט די NYSDOT זיך באנוצט מיט שטאלענע זיילן וואס זענען שוין געווען גרייט אין אירע זאפאסן. די זיילן זענען אריינגעשטעלט געווארן אינעווייניג אין צעמענטענע זיילן, אוועקנעמנדיג די נויט צו לאזן 'דזשוינטס' – אדער לעכער אין די סטרוקטור – און פארמערנדיג די שוץ קעגן ווערן פארראסטעט דורך זאלץ. די נייע בריק איז אויך באפעסטיגט מיט "פּיילס" – טיפע זיילן – וואס פארמערן די שטאנדהאפטיגקייט קעגן שווערע וועטער. כאטש די עיקר קאנסטרוקציע איז שוין פארטיג, וועלן צוענדיגנדע ארבעט – אריינרעכענענדיג צונעמען די צייטווייליגע בריק – דורכגעפירט ווערן אויפן פלאץ אין לויף פון די קומענדיגע עטליכע וואכן, און עס וועט מעגליך פארלאנגען צו פארשפארן לעינס פון צייט צו צייט.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די גוואלדיגע ארבעט וואס איז ערגרייכט געווארן דורך די NYSDOT אינדזשענירן, הייוועי אויפהאלטונג מאנשאפטן און קאנטראקטארס ווייזן ארויס די איבערגעגעבנקייט פון די אגענטור פאר די קאמיוניטיס פון ניו יארק סטעיט. די שאדן אין לאַנג לעיק איז געווען שרעקליך און מיר האבן געדארפט א לייזונג וואס זאל קענען דורכגעפירט ווערן אין איין קאנסטרוקציע סעזאן. מיר זענען זיך באגאנגען מיט די פארררעכטונגען צו די שאסיי און די טונעלן אונטער די שאסיי און אזוי אויך מיט די ערזעצונג פון די פישינג ברוּק בריק אין רעקארד-שנעלע צייט, פארזיכערנדיג אז עס זענען דא שאסייען וואו מען קען אריבערפארן בעפאר די ערשטע שניי קומט אן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן